Charter Revision Commission

## באַשלוס נמר. 1

**באַשלוס פֿון דער קאָמיסיע פֿאַר רעוויזיע פֿון טשאַרטערס צו באַשטימען פערסאָנאַל און אויפֿשטעלן די אויטאָריטעט פֿון דער קאָמיסיע זיך אָפּצוגעבן מיט אירע ענייִנים.**

אַזוי ווי דעם 12טן דעצעמבער 2024 האָט דער מייאָר פֿון דער שטאָט ניו יאָרק אויפֿגעשטעלט די קאָמיסיע פֿאַר רעוויזיע פֿון טשאַרטערס אויפֿן סמך פֿון אָפּטייל (4)36 פֿון געזעץ פֿון אויטאָנאָמיע (Home Rule Law) פֿון דער שטאָט ניו יארק; און

אַזוי ווי דער מייאָר פֿון דער שטאָט ניו יאָרק האָט באַשטימט דרייַצן פערזאָנען זיי זאָלן דינען אַלס די קאָמיסיע פֿאַר רעוויזיע פֿון טשאַרטערס פֿון דער שטאָט ניו יאָרק (אויף להבא, "די קאָמיסיע") אויפֿן סמך פֿון אָפּטייל פֿון געזעץ פֿון אויטאָנאָמיע (Home Rule Law) פֿון דער שטאָט ניו יאָרק; און

אַזוי ווי דער ציל פֿון דעם דאָזיקן באַשלוס איז אַרויסהעלפֿן די קאָמיסיע זי זאָל עפֿעקטיוו אַרבעטן בזמן זי נעמט זיך אויסצופֿירן איר מאַנדאַט צו רעווידירן דעם גאַנצן טשאַרטער פֿון דער שטאָט ניו יאָרק; און

עס ווערט דערפֿאַר באַשלאָסן אַז די קאָמיסיע באַשטימט דערמיט אַלעק שירענבעק אַלס עקזעקוטיוו דירעקטאָר פֿון דער קאָמיסיע;

און עס ווערט אויך באַשלאָסן אַז, בהסכם מיט אָפּטייל 36 פֿון געזעץ פֿון אויטאָנאָמיע, וועט דער עקזעקוטיוו דירעקטאָר באַמעכטיקט זײַן דורכצופֿירן די טעגליכע אַרבעט פֿון דער קאָמיסיע, איינשליסלעך אָבער ניט באַגרענעצט צו דער אויטאָריטעט אונטערצושרײַבן קאָנטראַקטן אין נאָמען פֿון דער קאָמיסיע, באַשטימען און אָפּזאָגן פערסאָנאַל, באַשטימען זייער לוין, און באַשטימען פּאָליטיקן און פּראָצעדורן פֿאַר דעם פערסאָנאַל וועלכע זײַנען נייטיק כדי צו פֿאַרזיכערן אַז די אַרבעט פֿון פערסאָנאַל ווערט אויסגעפֿירט פּראָפֿעסיאָנעל און אָרגאַניזירט;

און עס ווערט אויך באַשלאָסן אַז דער עקזעקוטיוו דירעקטאָר מעג פֿאַרלאַנגען און אָננעמען יעדער און אַלע דינסטן, בניינים, מאַטעריאַלן, דאַטן אָדער געלטער אין נאָמען פֿון דער קאָמיסיע, בהסכם מיט דעם אָפּטייל 36 פֿון געזעץ פֿון אויטאָנאָמיע;

און עס ווערט אויך באַשלאָסן אַז די קאָמיסיע דעלעגירט דעם פֿאָרזיצער, וועלכער מעג ווײַטער דעלעגירן פֿליכטן דעם עקזעקוטיוו דירעקטאָר, די באַמעכטיקונג אָנצונעמען אַלע נייטיקע מיטלען, בהסכם מיט אַלע מיטלען אָנגענומען דורך דער קאָמיסיע, כדי צו פֿאַרזיכערן אַז די קאָמיסיע זאָל זיך טרעפֿן ווי ריכטיק, אײַנגעשלאָסן פּראָגראַמירן און מעלדן וועגן זיצונגען און אויסהערן, און צוצוגרייטן און פֿאַרטיילן די סדרי-היומים און באַשטימען די טאָג־אָרדענונגען פֿאַר זיצונגען און אויסהערן.

דאַטע: 7טן יאַנואַר 2025